# בואו חשבון

בס״ד

ערב שבת קודש כי תבא תשפ״ד לפ״ק

אין בעפארברייטונג צום גרויסן כינוס ״**זעקת הגולה**״ דעם קומענדיגן זונטאג נצבים-וילך, טוען מיר פארשטעלן פאר אייך ניין שאלות בנוגע דעם כינוס, וואס איר זאלט פרעגן פון זיך אליינס. דער ציל דערפון איז צו אויסצוקלארן די אייגענע געדאנקן, און אליינס פארשטיין ״וואס ערוואַרט איך זאל ארויסקומען פון דעם כינוס? און פארוואס גיי איך זיך דארט משתתף זיין?״

## וואס גייט זיין ביי דעם גרויסן כינוס ״זעקת הגולה״?

**א.** גייט מען דארט מקיים זיין מ״ע פון ונקדשתי, און אויסרופן מיט קלארע ווערטער קבל תבל ומלואה אז די ציוניסטישע ממשלה פארטרעט נישט דעם כלל ישראל, און זיי האבן נישט קיין רעכט צו רעדן אין נאמען פון אלע אידן?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ב.** גייט מען דארט אויסרופן מיט קלארע ווערטער קבל תבל ומלואו, אז תורה טרייע אידן שטיצן נישט און שאקלן זיך אפ, פון אלע ציוניסטישע מלחמות און התגרות, וואס זיי פירן אן מיט זייערע שכנים?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ג.** גייט מען דארט קלאר מאכן פאר די וועלט, אז אידישע קינדער טארן נישט דינען אין דעם ציוניסטישן מיליטער, ווייל לויט דת תורתינו הקדושה, איז די גאנצע ציוניסטישע מיליטער אן אפענע מלחמה קעגן השי״ת און זיין תורה?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ד.** גייט מען דארט פארדאמען מיט א שטארקע מחאה די פאררעטערישע ווערק פון די א.ג. חרד׳ישע חברי כנסת המינים, וועלכע ארבעטן נאך אין די יעצטיגע טעג אויף א פשרה׳דיגן חוק גיוס, וועלכע טוט מפקיר זיין טויזנטער בחורי ישראל לשמד?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ה.** גייט מען דארט אוועקשטעלן א קלארע ליניע, אז ווילאנג עס וועט נישט גענצליך בטל ווערן די ״גאנצע״ גזירת גיוס, וועלן מיר נישט אראפלייגן דאס געווער, נאר טון כל מה שביכלתינו צו אויפשטורעמען די וועלט קעגן די ציוניסטישע ממשלה און זייערע צוהעלפער?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ו.** גייט מען דארט ארויסגעבן די אלע אויבנדערמאנטע ענינים אויף א קלארע אופן, בלישנא דלא משתמע לתרין אנפין, סיי ביי די ענגלישע דרשות, און סיי אויף די טאוולן, און סיי פאר די פרעסע וואס וועט קומען באריכטן דעם כינוס?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ז.** גייט מען דארט אוועקשטעלן א שטארקע יסוד, וויאזוי מחזק צו זיין אונזערע ברידער אין ארץ ישראל וועלכע געפינען זיך אויפן פראנט, מיט א שטארקע פינאנציעלע און מאראלישע שטיצע, אז זיי זאלן נישט אונטערברעכן און זיך קענען האלטן פעסט קעגן די ציוניסטישע גזירות על הדת?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ח.** גייט מען דארט אהיימקומען מיט א חיזוק און אן אש קודש, צו ממשיך זיין ווייטער ביתר שאת ועז, מיט די מלחמת קודש וואס די גאונים וצדיקים מנהיגי ישראל זי״ע האבן געפירט קעגן די ציוניסטישע קליפה, און קעגן זייערע שוידערליכע רדיפת הדת?
☐ **יא** ☐ **ניין**

**ט.** גייט דארט געשטארקט ווערן ביי אידן די שנאה און אפשיי קעגן די מינים ואפיקורסים, וואס האבן זיך מתייצב געווען על ה׳ ועל משיחו, און פרובירן מיט אלע מיטלן אויסצורייסן די תורה און די אמונה פון אידישע קינדער רח״ל היל״ת?
☐ **יא** ☐ **ניין**

נאך וואס איר ענטפערט אלע שאלות, איז כדאי צו אוועקלייגן די ענטפערס, און נאכן כינוס זיך אליינס צייכענען וועלכע פון זיי איר האט ריכטיג געענטפערט.